Print Date: 25 June 2023. Source: Page 6,  Der Fraynd - דער פֿרײַנד, 7 April 1912 *** "Historical Jewish Press", The National Library of Israel and Tel Aviv University

יעקב דינעזאָהן:

# אַ נאַריש קינד.

רייזעלע, דאָס קליינע, קוים זעקס-יעהריגע, מיידעלע קאָן היינט גאָר נישט פערשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך אין שטוב.

אַלע מאָל, ווען רייזעלע עפענט נור די אויגעלעך אין דער פריה, און טהוט אַ רוף: מאַמישע! — קומט די מאַמישע באַלד אַריין, העלפט איהר אויפשטעהן, אָנטהון און וואַשען זיך. היינט האָט שוין רייזעלע עטליכע מאָל גערופען און געשריען: מאַמישע, מאַמישע! און די מאַמישע, נישט זי קומט אַריין און נישט זי רופט זיך אָב אַפילו.

אַריינגעקומען צו איהר אין קינדער-צימער איז גאָר די מוהמע איידעלע. ווי קומט די מוהמען איידעלע אַזוי פריה אַהער? און היינט איז דאָך אַפילו ניט שבת, ווען די מוהמע איידעלע ברויך ניט שטעהן אין איהר קראָם, מעקטען ציץ און לייוואַנד. און קאָן קומען צו-גאַסט צו דער מאַמישען, ווי קומט זי עפּיס היינט?

און אַז היינט איז ניט שבת האָט רייזעלע אַ קלאָרען סימן: אָן שטעהט דאָך יאָכע די קעכין ביי דער קוך און קאָכט עפּיס: שבת וואָלט יאָכע אַליין ניט קאָכען, ווייסט רייזעלע, פאַר קיין געלד אין דער וועלט נישט. זי האָט עס פון יאָכען אַליין געהערט:

— ווען איינער קומט, — געדענקט רייזעלע, ווי יאָכע האָט זיך בערימט, — און זאָגט: יאָכע, הנה, טייוועל, נאַ, אָט האָסטו אַ מיליאָן, נעהם און קאָך מיר אָב אַ מיטאָג אום שבת, וואָלט איך זאָגען: נאַרישער מענש, געהט איך מיט אייער מיליאָן אין גאָטס נאָמען, איך וועל מיין נשמה נישט פערקויפען פאַר קיין געלד.

און גלאַט אַזוי, דערקענט דען רייזעלע ניט, אַז היינט איז ניט שבת? שבת זעהט די שטוב גאָר אַנדערש אויס. אַפילו די גאַס, דער דרויסען איז שבת'דיג, מען געהט אָנגעטהון אין שבת'דיגען, היינט אָבער געהען אַלע אין וואָכענדיגען, די מוהמע איידעלע אויך, טאָ ווי קומט זי היינט עפּיס אַהער, די מוהמע איידעלע?

נאָך מעהר וואונדערט זי און שרעקט זי כמעט, וואָס עס רודערט זיך עפּיס אין שטוב. מען לויפט איטליכע רגע פון דער מאַמעס שלאָף-צימער אין קוך, פון קוך צוריק אין שלאָף-צימער, און עפּיס סוד'עט מען זיך, מען רעדט אַזוי שטיל, אויפן וואונק, גלייך ווי מען וויל ניט, אַז זי, רייזעלע, זאָל הערען און פערשטעהן, וואָס מען רעדט.

עס בעפאַלט רייזעלען אַן אַנגסט, און זי לויפט צום שלאָף-צימער, אַ קוק טהון, צי די מאַמישע איהרע שלאָפט טאַקע נאָך, צי זי איז שוין וואַך. ביי דער טהיר אָבער בעגעגענט רייזעלען עפּיס איינע אַ פרעמדע, אָנגעטהון אין אַ ווייסען לייוועטענעם קיטעל, אָדער פאַרטוך, דער קאָפּ אַרומגעבונדען אויך מיט אַזאַ ווייסען לייווענט, וועלכע פערשטעלט רייזעלען דעם אַריינגאַנג, און זאָגט:

— געה, מיין קינד, פון וואַנען דו ביזט געקומען, מען דאַרף דיך דאָ אַצינד ניט!

[illegible] דעה האָט זי, נישט אַריינ-צולאָזען מיך צו מיין ליעבער מאַמישען? — ווילט זיך רייזעלען פרעגען, נור אין דער רגע בעמערקט זי, ווי די אייגענע פרעמדע שאַפט זיך מיט אַלעמען אין שטוב און וואָס נור זי הייסט טהון, טהוט מען באַלד, און מען רעדט גאָר אַ וואָרט נישט איבער. רייזעלען אָבער ווילט זיך ווייזען דער פרעמדער, אַז זי האָט פאַר איהר קיין מורא ניט און פרובט זיך אַריינרייסען צו דער מאַמישען איבער-געוואַלד. די פרעמדע אָבער צערעמאָניעט זיך ניט מיט איהר, און שטויסט רייזעלען צוריק אַרויס, נאָך איידער זי האָט אַפילו אַ קוק געטהון, וואָס טהוט די מאַמישע.

רייזעלע בלייבט שטעהן פון דער זייט, פערשעמט און פער-קלעמט. און טרעהרען ווייזען זיך אין איהרע אויגעלעך.

באַלד קומט אַרויס די באָבצע גיטעלע פון שלאָף-צימער, געהט-צו צו רייזעלען, בערוהיגט זי: — מיר פאַר דיין מינדסט נעגעלע, מיין טייער קינד, רעדט די באָבצע אַרויס, הערצענדיג, ווי דאָס קינד שטעהט פערקלעמט, מיט אויגען פול טרעהרען.

— באָבצע, — הליפעט דאָס קינד אַרויס איהר בעליידיגונג, — פאַרוואָס האָט זי מיך אַרויסגעטריבען?

עס עפענט זיך דאָס פערקלעמטע הערצעל ביים קינד און זי ברעכט אויס מיט אַ העפטיגען געוויין.

— זעה נור, וואָס פאַר אַ נאַריש קינד דו ביזט, — טרייסט די באָבצע, — מיך אַליין האָט מען דאָך אויך אַרויסגעטריבען און איך וויין גאָר ניט!... זאָל נור, מיין קינד, די ליעבע מאַמישע דיינע דאָס פעקעל איבערקומען און געזונד ווערען, וועט דאָס צום שדוך אונז ביידען גאָר ניט שאַטען!

דערווייל האָט זיך דערהערט עפּיס אַ ניט געוועהנליך געשריי פון דער ליעבער מאַמישען. רייזעלע איז אַ פערציטערטע געוואָרען, און פון גרויס רחמנות אויף די מאַמישען האָט זי איהר אייגענע בעליידיגונג פערגעסען.

— קום, מיין קינד, שטעה דאָ ניט, — האָט די באָבצע זי פון שלאָף-צימער ווי איבער-געוואַלד אַוועקגעפיהרט.

— באָבצע, וואָס טהוט וועה דער ליעבער מאַמישען? — פרעגט דאָס קינד מיט אַנגסט.

— וואָס זאָל איהר וועה טהון? עס טהוט איהר וועה, וואָס דאַרף וועה טהון, וואָס מוז וועה טהון... וואָס טהוט וועה איטלי-כער אשה אין איהר צאַגע... — ענטפערט די באָבצע, רעדענדיג צו זיך, מעהר ווי צום אונשולדיגען קינד.

— אָבער וואָס? באָבצע טייערע! — בעט זיך רייזעלע, מען זאָל איהר זאָגען, וואָס טהוט וועה דער ליעבער מאַמישען, — פאַר-וואָס קרעכצט זי און שרייט אַזוי?

---

— זעה נור, וואָס האָסטו שוין קיין צייט ניט? — ענטפערט די באָבצע, אַליין נאָך רעדענדיג צו זיך, מעהר ווי צום קינד. — וועסט נאָך וויסען, אָי, וועסטו עס נאָך וויסען, אַליין הייסטו וויסען! דערלעבען וויל איך עס נאָך, האַרציגער פאָטער אין הימעל!

רייזעלע קוקט אָן די באָבצען און וואונדערט זיך, וואָס די באָבצע אַליין איז אויך היינט אַנדערש, ווי אַלע מאָל. עפּיס רעדט זי און רעדט, און מען קאָן גאָר ניט וויסען, וואָס זי רעדט.

— פאַרוואָס וויל די באָבצע מיר נישט אויסזאָגען, וואָס טהוט וועה דער ליעבער מאַמישען? — פרעגט דאָס קינד מיט פערדרוס.

— ני, אַז דו וועסט שוין וויסען, אַז דער בויך טהוט וועה דער מאַמישען, וועסטו שוין אויפהערען מיך צו מוטשען מיט דיינע

Print Date: 25 June 2023. Source: Page 6,  Der Fraynd - דער פֿרײַנד, 7 April 1912 *** "Historical Jewish Press", The National Library of Israel and Tel Aviv University

קינדישע פרעגעכצען? — וואָס שוין ענדליך די באַבצע אַרויס נישט גערן.

— דער בויך, דער בויך? — רעדט דאָס קינד איבער. עס גלויבט זיך רייזעלען גאָר נישט, אַז דער מאַמישען קאָן אויך דער בויך וועה טהון.

זי דערמאָהנט זיך, אַז מיט עטליכע טעג צוריק האָט איהר, רייזעלען, וועה געטהון דאָס ביינעלע, שטאַרק וועה געטהון, דאָס די מאַמישע איהר דערמאָלט געזאָגט: דאָס איז דערפאַר, וואָס דו האָסט די מאַמישען ניט געפאָלגט און געגעסען די ניט-צייטיגע עפּעלעך, וואָס איך האָב דיר געגעבען נור צו שפּיעלען זיך, אָבער נישט צו עסען.

— באַבצע, די מאַמישע אָבער האָט דאָך קיין ניט-צייטיגע עפּעלעך נישט געגעסען, פאַרוואָס טהוט איהר וועה דער בויך? — פרעגט דאָס קינד ווייטער.

— יאָ, נישט געגעסען, אָבער די מוטער חוה האָט שוין פאַר איהר געגעסען! — ענטפערט די באַבצע, און קימערט זיך גאָרנישט, צי פערשטעהט דאָס קינד, וואָס זי זאָגט, צי ניט.

— אָ, ווען נישט יענס פערשאָלטען עפּעלע, וואָס די מוטער חוה האָט אין גן-עדן געגעסען, וואָלטען חוה'ס טעכטער נישט בעדאַרפט וויסען, נישט דעם צער פון טראָגען, נישט די פּיין און ווערהטאָגען פון האָבען; ווי די שענע עפּעלעך אויף די יונגע בוימעלעך וואָלטען קינדער געבוירען געוואָרען, געוואַקסען און אויסגעהאָדעוועט זיך, און דיין מאַמישע, מיין ליעב קינד, וואָלט איצט געזונד געווען, דער בויך וואָלט איהר פערשפּאָרט וועה טהון, און איך וואָלט פערשפּאָרט תירוצים דיר געבען אויף דיינע קינדישע קשיות: „וואָס?" „פאַר וואָס?" און „פאַר ווען?"!

רייזעלע פערשטעהט ווידער איין וואָרט נישט פון די גאַנצע ניין מאָס רייד, וואָס די באַבצע גיטעלע האָט דאָ אָנגערעדט. זי וויל איבערפרעגען, אָבער ווידער דערהערט זיך דער מאַמישעס אַ געוואַלדיג געשריי פון שלאָף-צימער, און די באַבצע כאַפּט אָן רייזעלען פאַר'ן הענדטעל און פיהרט זי צו זיך אין צימער אַריין.

— קום, מיין קינד, לאָמיר גאָט דעם דערבאַרימדיגען בעטען, ער זאָל דער מאַמישען כח געבען איבערצוטראָגען די ווערהען, ער זאָל איהר די רפואה צושיקען, און דיר, מיין קינד, בעט איהם, זאָל ער צושיקען אַ לעבעדיג ברודערל אָדער שוועסטערל, אויף לאַנגע יאָהר מיט פיעל פרייד און נחת.

און דאָרט ביי איהר לערנט די באַבצע רייזעלען ווי גאָט צו בעטען און וואָס איהם צו בעטען, און מיט צונויפגעלעגטע הענדטלעך, ווי בעת די מאַמישע זאָגט מיט איהר „ברכה" אַלע פריה-מאָרגען, שטעהט רייזעלע און בעט ביי גאָט, ער זאָל פון זיין הייליגען הימעל אַראָבשיקען דער ליעבער מאַמישען די אמתע רפואה, און איהר, רייזעלען, זאָל ער צושיקען אַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל אַ לעבעדיגס אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהר.

— באַבצע, איך וויל בעסער אַ ברודערל: זאָל גאָט מיר צושיקען אַ ברודערל בעסער! — דערצעהלט דאָס קינד, וואָס איהם געפעלט בעסער.

— וואָס ער וועט צושיקען, וועט אונז שוין ליעב זיין, מיין קינד, מיז אונז שוין ליעב זיין! מיט גאָט'ס גאָב וואַרפט מען זיך ניט, נאָר גיכער, גרינגער און אָהן איבעריגע צער און ווערהטאָגען! — ווינשט זיך די אַלטע. רייזעלע אָבער האַלט זיך פעסט אין בעט ביי גאָט, דווקא אַ ברודערל זאָל ער איהר פון הימעל אַראָבשיקען.

און רייזעלע שטעלט זיך פאָר, ווי באַלד, מסתמא, וועט זיך עפענען די טהיר, עס וועט אַריינקומען אַ הימעל-מענש, און אין איין האַנד וועט ער האַלטען אַ פלעשעלע מיט רפואות, און אין דער אַנדערער — אַ פידעלע, אַ שענס מיט אַ קישעלע, און אין קישעלע וועט זיין אַ קליין יונגעלע, אַ פיצעלע, אָבער אַ שענס, מיט ליכטיגע, בלויע אויגעלעך.

— אָט דאָס פלעשעלע, וועט זאָגען דער הימעל-מענש, האָט גאָט געשיקט פאַר דיין קראַנקער מאַמישען, זאָל זי די רפואה אויסטרינקען, וועט זי באַלד געזונד ווערען. און דאָס יונגעלע, וואָס אין פידעלע, האָט גאָט דיר אַ ברודערל געשיקט, דו זאָלסט איהם ליעב האָבען און היטען. גיב איהם אויך אָב דער מאַמישען, וועט זי איהם שוין אויסהאָדעווען! אַ גוטען טאָג! — וועט זאָגען דער הימעל-מענש, אויסשפּרייטען אַ פּאָר גרויסע פליגלען פון אונטער זיין פאַלטען און וועט צוריק אַרויספליהען צום הימעל, צו גאָט.

שטאַרק צופריעדען מיט דעם, וואָס איהר קינדערשע פאַנטאַזיע האָט איהר דאָ אויסגעמאָלט, פערגעסט רייזעלע אַ ווייַלע, אַז דערווייל טהוט נאָך דער ליעבער מאַמישען דער בויך וועה, און זי צווינגט זיך און הויבט אַפילו אָן צו טאַנצען פאַר שמחה.

אין דער צייט זיצט די באַבצע גיטעלע איבער די תחינה פאַר שוואַנגערע געווינערינס, בעט גאָט, אין דעם זכות, וואָס די געווינערין פערגעסט קיינמאָל ניט חלה צו נעהמען, ליכט צו בענשען און היט אָב די אַלע ווייבערשע דינים, זאָל ער, פון זיין הויכען הימעל, איהר בייזשטעהן אין איהר נויט, לינדערן איהר די חבלי-יולדה און אַלץ זאָל אַריבער בשלום און צו לאַנגע יאָהר.

און טרעהרען, גרויסע טראָפּענס טרעהרען, גיסען זיך פון דער אַלטערס אויגען און פאַלען איבער די געלע תחינה-בלעטלעך, וועלכע זענען שוין גענוג אָנגעזאַפּט מיט אַזעלכע טרעהרען צוליעב איהרע פריהעריגע אייניקלעך, וואָס גאָט האָט איהר שוין ביז אַהער לאַנג געשענקט.

רייזעלע בעמערקט עס גאָר ניט, זינגט זיך אַ ליעדעלע ווי זי וועט פערשלעפּערן דאָס ברודערל, וואָס גאָט וועט איהר באַלד צושיקען.

— אַ קינד בלייבט אַ קינד! — רעדט אַרויס די באַבצע פערדרימליך, וואָס רייזעלע האָט זיך גאָר צעזונגען.

— וואָס האָסטו זיך דאָ אַזוי צעזונגען, דו נאַרישע קינד איינס — שלאָגט איהר איבער די באַבצע דאָס געזאַנג. — איך האָב דיר דאָך געהייסען גאָט בעטען פאַר דער ליעבער מאַמישען, נעהמסטו און צעזינגסט זיך גאָר!

— איך האָב איהם דאָך שוין געבעטען, די באַבצע האָט דאָך אַליין געזעהן, ווי איך האָב איהם געבעטען! — פערענטפערט זיך דאָס קינד.

— יאָ, מיין קינד, אמת, דו האָסט איהם שוין אַמאָל געבעטען — דערקלערט די באַבצע — אָבער גאָט דעם דערבאַרימדיגען איז ווייניג איין מאָל בעטען. איטליכע שעה, איטליכע רגע מוזען מיר איהם בעטען!

— באַבצע, ער פערגעסט באַלד? — פרעגט רייזעלע.

— וואָס רעדסטו? נאַרישע קינד, ווי הערסט דאָך גאָר נישט, וואָס די צונג דיינע רעדט אַרויס!

— וואָס איז די באַבצע ברוגז? איך האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט! — וואונדערט זיך רייזעלע.

— וואָס זאָל איך מיט דיר ריידען, ביזט אַ נאַרישע קינד און ווייטער גאָרנישט! — פּסק'ענט אָב די באַבצע און וויל שוין מיט רייזעלען מעהר אין קיין הקירות זיך נישט אַריינלאָזען.